"לבנין ולהשכיל לשמוע ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים"
הבינוני
שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

פטרון סדר במדבר
הרוצה בעילום שמו
לזכותו ולזכות משפחתו
לברכה והצלחה ברוחניות ובגשמיות

פרשת קרח (חקת בא"י) ||| שנת תשפ"ג לפ"ק ||| גליון ח' ||| שנה א'

# הבינוני

שיעורי
הרב שמעון שפיצער
שליט"א

## בך בטחתי

### נכון לבו בטוח בהשם;
'בטחון' אַרבעט יאָ הונדערט פראָצענט אַלעמאָל

יום ראשון פרשת נשא כ"ח אייר תשע"ט

א

## מהלל אקרא ה'; דער 'בעל בטחון' איז פאַרזיכערט בלי שום ספק

### עטליכע שאלות איבער די סוגיא פון בטחון

ווען מען איז עוסק צו לערנען איבער דעם גרויסן כח פון בטחון, און איבער די מעלה פון דעם בוטח בה' אַז ער וועט זיכער געהאָלפן ווערן - ווי דער פסוק זאָגט "הבוטח בה' חסד יסובבנו" - שטעלט זיך צומאָל פאַרשידענע קשיות ביי מענטשן, וואָס ס'איז כדאי דאָס צו אויסשמועסן.

צוערשט איז דאָ די שאלה: איז דען נישטאָ אַזאַ מושג אַז דער אויבערשטער זאָגט אַמאָל 'ניין' ?! ווען מען רעדט פון 'תפלה' זענען מיר צוגעוואוינט צו אַזאַ שפּראַך, אַז אודאי איז דער רבוש"ע דער 'שומע תפלת כל פה', אָבער אַמאָל קען זיין אַז דער אויבערשטער האָט טאַקע געהערט און ער זאָגט פאַר דעם איד וואָס האָט געדאַוונט: 'נישט יעצט', ווייל ער פאַרשטייט אַז דאָס איז נישט גוט פאַר'ן מענטש.

די שאלה איז וויאַזוי קוקט מען דערויף ווען מען רעדט פון 'בטחון': איז דאָ אויך פאַרהאַן אַזאַ באַגריף אַז דער מענטש האָט טאַקע בטחון אָבער דער רבוש"ע זאָגט אים 'ניין' ?! אודאי גלייבן מיר אַז בטחון ברענגט די ישועה אין רוב פעלער, מען קען אפילו זאָגן אַכציג ניינציג פראָצענט, אָבער קען מען זאָגן אַז דאָס אַרבעט הונדערט פראָצענט פון דער צייט ?!

צווייטנס, פרעגן מענטשן: אויב אַ מענטש וועט האָבן אמת'ע בטחון אַז ער גייט בלייבן לעבן, און מ'רעדט פון איינעם וואָס נארט זיך נישט מיט פאַלשע בטחון, נאָר ער איז באמת בוטח בה', וועט ער קיינמאָל נישט אַוועקגיין פון דער וועלט ?! ער גייט אייביג בלייבן לעבן ווייל בטחון אַרבעט אַלעמאָל ?!

אַ דריטע פראַגע וואָס מען הערט: וואָס טוט זיך אויב אַ מענטש האָט בטחון אויף אַ געוויסע זאַך, אָבער דער אויבערשטער ווייסט אַז דאָס איז נישט גוט פאַר אים, וועט יעצט דער אויבערשטער טון עפּעס וואָס איז נישט פאר זיין טובה, בלויז וויבאַלד ער איז אַ בוטח בה' ?!

### די שאלות ברענגען ספיקות ביי מענטשן אויב בטחון איז שטענדיג אַקטועל

ס'איז פאַרהאַן אַסאַך מענטשן וואָס צוליב די קשיות קומען זיי אָן צו אַ מסקנא אַז בטחון אַרבעט טאַקע מערסטנס מאָל, אָבער מ'קען נישט זאָגן אַז דאָס העלפט אייביג און אַלעמאָל, ווייל ס'איז דאך פאַרהאַן נאָך פאַרשידענע אנדערע חשבונות, ווי צ.ב.ש. 'גלגולים' וכדומה. דער מענטש זאָגט אַז מיר פאַרשטייען נישט די הנהגה פון דעם רבוש"ע און ער איז מחליט אַז בטחון העלפט נישט ממש הונדערט פראָצענט פון די פעלער.

די שאלות קומען אַרויף אפילו ביי אַזעלכע אידן וואָס לעבן יאָ מיט בטחון, זיי דערציילן שטענדיג מעשיות וויאַזוי זיי האָבן געזען אָפּן אַז נאָכ'ן האָבן בטחון זענען זיי געהאָלפן געוואָרן מיט פּונקטליך דאָס וואָס זיי האָבן געדאַרפט, אָבער אויך די מענטשן קענען אַמאָל ווערן צעבראָכן, נאָכדעם וואָס זיי טרעפן זיך אין אַ מצב וואָס דער בטחון האָט נישט געברענגט די רעזולטאַטן וואָס זיי האָבן געוואָלט. און דעמאָלט קומען זיי אָן צו אומריכטיגע מסקנות כאילו בטחון העלפט נישט אַלעמאָל. - ווען ס'קומט אונטער אַ שוועריגקייט טראַכטן זיי: "איך ווייס נישט די חשבונות שמים, איך האָף אַז אַלעס וועט זיין לטובה, אָבער מען קען נישט וויסן אויף הונדערט פּראָצענט, ווייל דער רבוש"ע האָט זיך זיינע חשבונות".

### דוד המלך לויבט השי"ת - נאָך איידער די ישועה

ווען מיר קוקן אין די מקורות פון אונזערע הייליגע ספרים זען מיר יאָ אַז בטחון אַרבעט הונדערט פּראָצענט אַלעמאָל און אַז ווען אַ איד האָט בטחון קען ער זיין רואיג און זיך פולקאָם פאַרלאָזן אַז דער רבוש"ע גייט אים זיכער העלפן.

דוד המלך ע"ה זאָגט אין תהלים (י"ח ד): **מְהֻלָּל אֶקְרָא ה' וּמִן אֹיְבַי אִוָּשֵׁעַ**", און רש"י איז דאָרט מפרש אויפ'ן פּלאַץ - "**בהלולים אקרא ואתפלל לפניו תמיד, כלומר אף לפני התשועה אני מהללו, לפי שבטוח אני שאיוושע מאויבי**". דאָס הייסט אַז נאָך איידער די ישועה דאַנק און לויב איך דעם אויבערשטן, ווייל איך בין זיכער אַז ער גייט מיך העלפן.

פאַרוואָס ביזטו אַזוי זיכער ?! אפשר איז דאָ אנדערע חשבונות פון הימל ?! ווער זאָגט אַז ס'איז הונדערט פּראָצענט אַז די ישועה וועט קומען ?! אָבער רש"י זאָגט אונז דאָ זייער קלאָר אַז אַ איד דאַרף זיין הונדערט פּראָצענט פאַרזיכערט אין דעם אויבערשטן אַז ער גייט אים העלפן.

> **ווער עס האָט בטחון איז ביי אים קלאָר 'בלי שום ספק' אַז דער רבוש"ע גייט אים העלפן.**

**אותיות מחכימות** — ספר העקרים (מאמר ד פרק ב)

דע כי התקווה לדבר שהמקווה מסופק בו אם יגיע אם לאו תטריד הנפש לחשוב מחשבות כדי להשיגו, אבל התקווה לדבר שהאדם מובטח בו שיבוא כמו שיקווה לאור הבוקר שמחויב לבוא, לא יטריד הנפש, אבל ישמחנו בהיותה משערת הטוב ההוא המובהק והיותה בוטחת שיגיע. ועל זה הדרך ראוי שתהיה התקווה לה' כשיהיה בוטח בו ביטחון שלם שישלים תקוותו בלי ספק, אחר שיש יכולת בידו ואין מי שיעכב בידו, לא כמי שמקווה דבר שמסופק בו אם יגיע אם לא יגיע.

והתקווה הזאת תחזק הלב ותשמחהו, ועל זה אמר (תהלים לא) חזקו ויאמץ לבבכם כל המייחלים לה', כי התקווה אליו, לא די שלא תחליש הלב, אלא אף תחזק אותו, כי המקווה לה' יתברך בהיותו לבו סמוך ונשען על ה' קדוש ישראל באמת שימלא שאלתו, יוסיף אומץ ויחזק כוחו.

### בטחון איז פון לשון 'בטח' - פאַרזיכערט בלי שום ספק אין דער ישועת ה'

אין ספר **חידושי הרי"ם** (ליקוטים עמ' שעד) ווערט געברענגט בשם הרה"ק רבי **בונם מפרשסיחא** זיע"א: אַז דאָס וואָרט 'בטחון' נעמט זיך פון דעם שורש 'בטח'. וואָס לערנט אונז אַז ווער עס האָט בטחון איז ביי אים קלאָר 'בלי שום ספק' אַז דער רבוש"ע גייט אים העלפן.

אַזוי שמועסט אויך אויס דער **ספר העקרים** מיט אַ געוואַלדיגע קלאָרקייט, אַז די תקוה צום אויבערשטן איז דוקא ווען דער בוטח פאַרלאָזט זיך מיט אַ גאַנצע בטחון אַז דער רבוש"ע גייט אים ערפילן זיין האָפענונג בלי ספק. נישט ווי איינער וואָס איז מסופק און ער איז נישט זיכער אַז דער אויבערשטער גייט אים העלפן.

פון דער שפּראַך פון די אַלע ספרים זען מיר אַז אַ מענטש דארף טראַכטן אַז עס וועט זיכער זיין גוט! די ספרים הק' זאָגן פאַר'ן מענטש: "לאָז נישט איבער אפילו איין פּראָצענט ספק, קענסט זיין הונדערט פּראָצענט פאַרזיכערט אז דער אויבערשטער וועט דיך פירן צום בעסטן".

### וויאַזוי קען זיין אַז בטחון אַרבעט שטענדיג און אַלעמאָל ?

אָבער לויט דעם ווערט צוריק שווער די אויבנדערמאַנטע שאלות: וויאַזוי קען טאַקע זיין אַז אויב אַ געוויסע זאַך איז נישט גוט פאַר אונז וועלן מיר דאָס באַקומען דורך בטחון ?! און אַזוי אויך די אַנדערע שאלות: איינער וואָס האָט בטחון אַז ער גייט בלייבן לעבן וועט שוין טאַקע לעבן פאַר אייביג ? און נאָך טיפער: דער רבוש"ע פירט דאך למעשה די הנהגת העולם מיט זיינע חשבונות, וויאַזוי קען קומען בטחון און דאָס משנה זיין ?!

אודאי ווייסן מיר אַלע דעם כח פון בטחון, און יעדער איד קען פאַרציילן אָפענע מעשיות ווי ער האָט געזען אַז ווען מען פאַרלאָזט זיך אויפ'ן אויבערשטן זעט מען ישועות. דער שמועס איז אָבער אויף די לעצטע צען - פינף פּראָצענט, וואָס לגבי דעם האָבן מענטשן ספיקות, און אין די ספרים הק' שטייט קלאָר אַז מען מען דאַרף זיין הונדערט פּראָצענט מובטח אין די חסדים פונעם אויבערשטן.

ב

## ה' סלעי ומצדתי; ריכטיגע בטחון איז נישט טייטש לייקענען דעם מציאות

### דער חילוק צווישן 'בטחון' און 'אַוועקשטופּן נעגאַטיווע מחשבות'

כדי צו אויסברייטערן די סוגיא, דאַרף מען דערמאַנען אן איידעלע נקודה:

אַסאַך מאָל ווען מענטשן זאָגן: "עס וועט זיין גוט, דער אויבערשטער וועט שוין העלפן", און מען קלערט אַריין טיפער פאַרוואָס זאָגט דאָס דער מענטש, וועט מען זען אַז באמת קענען אַזעלכע ווערטער קומען פון צוויי אַנדערע 'מהלכי המחשבה', וואָס אויבנאויף זעט עס אויס זייער נאָנט, אָבער באמת איז דאָס 'כרחוק מזרח ממערב'.

ס'איז דאָ אַ בטחון, וואָס דער מענטש פאַרלאָזט זיך אַז דער רבוש"ע גייט מיך זיכער העלפן, ווייל ער האָט מיך ליב און ער באַגלייט מיך שטענדיג.

דערנאָך איז פאַרהאַן אַ סאָרט בטחון וואָס דער מענטש לייגט זיך אַזוי אַריין אין קאָפּ, בלויז ווייל ער וויל זייער שטאַרק אַז דאָס זאָל געשען... ער קען פּשוט נישט טראַכטן פון אַ מציאות אַז דאָס זאָל זיך נישט אויסאַרבעטן, און ס'איז פאַרהאַן אַ מענטשליכע נאַטור צו אַוועקשטופּן אַזעלכע מחשבות וואָס זענען אונז נישט אַנגענעם.

### דער אינוועסטירער וואָס וויל נישט טראַכטן...

אַ ביישפּיל דערצו איז אַ מענטש וואָס איז אַריינגעשפּרונגען אין אן אינוועסטמענט, וואָס איז אַסאַך העכער פון זיינע מעגליכקייטן, ער האָט זיך אָנגעבאָרגט פון אַסאַך מענטשן ריזיגע געלטער און ער האָט נישט קיין שום מהלך וויאַזוי דאָס צו קענען אפילו באַצאָלן. ווען מען פרעגט אים: "וואָס איז געווען דיין פּלאַן ? וואָס וועסטו טון אויב דאָס וועט זיך נישט אויסאַרבעטן ?!" זאָגט ער: "דער אויבערשטער וועט שוין העלפן".

ווען מען פּרובירט אים צו פרעגן ווייטער "אָבער וואָס איז דיין חשבון, ס'איז דאך פאַרהאַן אַ שאַנס אַז די גאַנצע זאַך וועט זיין אַ דורכפאַל ?!" זאָגט ער "**נו, וויאַזוי רעדסטו אַזאַ שפּראַך, מ'דאַרף האָבן בטחון**"... ער איז נישט גרייט צו אָננעמען אין זיין מח אפילו אַזאַ מעגליכקייט אַז ער גייט בלייבן אָנגעזעצט.

מען גייט נישט יעצט אַריין אין קיין כללים, אודאי ווענדט זיך ביי יעדע פאַל 'לגופו של דבר', צי דאָס איז אן אויסגעהאַלטענע אינוועסטמענט וואָס שטימט מיט דעם חיוב פון 'השתדלות', אָבער אַלענפאַלס איז פאַרהאַן אַזאַ מציאות ווען דער מענטש איז אַריינגעשפּרונגען, בלויז ווייל ער האָט זייער שטאַרק געוואָלט, אָבער דאָס איז אַסאַך העכער פון זיינע מעגליכקייטן און ער שרייט כסדר אַז דער באַשעפער וועט העלפן.

די סיבה פאַרוואָס ער שטופּט אַוועק אַלע אַנדערע מחשבות איז נישט ווייל ער איז אַזאַ שטאַרקער 'בעל בטחון', נאר היות ער וויל דאָס אַזוי שטאַרק, האָט ער אן אינערליכע נאַטור וואָס לאָזט אים נישט טראַכטן די אַנדערע צד. **ער וויל פשוט נישט אַרויפברענגען אויפ'ן געדאַנק אַז ס'איז פאַרהאַן אַ מעגליכקייט אַז ער גייט דורכפאַלן**, דעריבער שטופּט ער אָפּ די מחשבה און ער זאָגט אַז דער אויבערשטער וועט שוין העלפן...

### די זיכערקייט פון פּאָליטיקאַנטן קומט נישט פון קיין גרויסע בטחון

מען קען זען די זעלבע נאַטור ביי די פּאָליטיקאַנטן וואָס לויפן אויף פּאָליטישע פאַרמעסטן. זיי אינוועסטירן מיליאָנען דאָלאַרן אין די קאַמפּיינען, אַסאַך מאָל נעמען זיי אַרויס הלוואות פון ריזיגע געלטער וואָס אויב זיי גייען פארלירן וועלן זיי בלייבן אָנגעזעצט מיט גרויסע חובות אויפ'ן לעבן. און זיי רעדן די גאַנצע צייט מיט אַזאַ זיכערקייט אַז זיי גייען געווינען.

ווען מען פרעגט דעם פּאָליטיקאַנט אַז די אַנקעטעס ציינגן דאך ווי שמאָל ער שטייט און אַז ער גייט פאַרלירן, ענטפערן זיי שטענדיג מיט אַ זעלבסט זיכערהייט אַז זיי האָבן "אינערליכע אַנקעטעס" וואָס ציינגן קלאָר אַז זיי גייען געווינען מיט אַ גרויסע מערהייט... נישט אַלעמאָל זאָגן זיי דאָס וויבאַלד אַזוי לוינט זיך צו רעדן, מען קען אַמאָל זען פון זייער שפּראַך אַז זיי זענען באמת איבערצייגט אַז זיי גייען טאַקע געווינען, טראָצדעם וואָס זיי האָבן כמעט זעראָ שאַנסן.

דאָס קומט נישט פון קיין הויכע מדריגות אין בטחון... מען רעדט נישט דאָ פון קיין אויסגעאַרבעטע בעלי בטחון, נאר דאָס איז די מענטשליכע נאַטור אַז מען שטופּט אַוועק אַלע נעגאַטיווע מחשבות, וויבאַלד מען וויל די זאַך אַזוי שטאַרק.

אין דער מינוט וואָס דער פּאָליטיקאַנט טרעפט זיך אַז ער איז שוין טיף פאַרמישט אין דעם פאַרמעסט און ער קען זיך בשום אופן נישט ערלויבן צו פאַרלירן, וועט ער זיך אליינס איינרעדן אַז דאָס וועט זיכער נישט פּאַסירן! ער וועט רעדן שטותים מיט נאַרישקייטן ווייל עס עקזיסטירט נישט ביי אים אפילו אַ 'צד' אַז אפשר קען ער דורכפאַלן!

בײַ פרומע אידן קען צומאָל פּאַסירן די זעלבע סאָרט זאַך, נאר בײַ אונז לייגט מען צו אַז "דער אויבערשטער וועט זיכער העלפן"... דאָס איז דעם מענטש'נס שפּראַך. ס'איז 'שם שמים שגור על פיו' - וואָס איז טאַקע אַ חשוב'ע זאַך, אָבער **דאָס האָט נישט קיין שייכות מיט בטחון!** דאָס איז זיין 'תכונת הנפש' וואָס מאַכט זיכער אַז ער זאָל נישט טראַכטן פון קיין אַנדערע מחשבות, און ווי פאַרשטענדליך ווערט מען דורכדעם נאָכנישט אָנגערופן אַ בוטח בה'.

## דער מושג פון 'הוללות' לויט דעם 'מסילת ישרים'

אָט די אויבנדערמאַנטע מהלך המחשבה פון נישט וועלן טראַכטן אחריות'דיג, ווערט אָנגערופן אין **מסילת ישרים** מיט'ן נאָמען 'הוללות'. בדרך כלל נוצן מיר דעם לשון 'הוללות' אויף אַ מענטש וואָס פאַרברענגט מיט ליצנות, אָבער דער מסילת ישרים לערנט אונז אַנדערש: 'הוללות' מיינט נישט לאַכן, הוללות איז דער 'תכונת הנפש' פון טון זאַכן אָנדעם וואָס מען זאָל טראַכטן איבער דעם מאָרגן.

דאָס זעט מען בײַ אַזעלכע וואָס פאַרברענגען ביז גאָר שפּעט אין דער נאַכט. **איי, מאָרגן איז דאך נאָך אַ טאָג ?! ער טראַכט נישט דערפון!** ס'איז נישטאָ קיין מאָרגן! דאָס איז די תכונה פון 'הוללות', אַז ווען ס'קומט אן אַ מחשבה אַז 'וואָס וועט זיין מאָרגן אינדערפרי' שטופּט מען דאָס אַוועק, מען וויל נישט טראַכטן דערפון. אודאי האָט דאָס נישט קיין שייכות מיט בטחון אפילו דער מענטש נוצט אַזעלכע ווערטער ווי 'דער אויבערשטער וועט העלפן'.

איין מעלה איז אפשר יאָ פאַרהאַן פון דעם סאָרט מהלך המחשבה, אַז דער מענטש איז כאָטש נישט פאַר'דאגה'ט, און 'דאגה' איז מצמצם די שפע. אויב ער דאגה'ט נישט דעמאָלט איז דאָ מער פּלאַץ אַז ס'זאָל טאַקע קומען די שפע. אָבער זיכער קען מען נישט זאָגן אַז דאָס איז 'בטחון' און אַז דער מענטש איז אַ בוטח בה', ווייל דאָס איז פשוט די נאַטור פון 'הוללות' און נישט בטחון.

## איבערגעבן דאָס לעבן פאַר'ן אויבערשטן

דער אמת'ער בוטח אַרבעט פונקט פאַרקערט! ער איז אַ געטרייער 'עבד' וואס האָט נישט קיין מושג וואָס זיין 'אדון' גייט טון מיט אים.

ווען מען פרעגט אים: "עס גייט זיין אַזוי אָדער אַזוי ?!", ענטפערט ער: **"איך ווייס נישט, כ'האָב נישט קיין אַנונג, אָבער איך ווייס איין זאַך, אַז וויאַזוי מיין האַר וועט טון וועט דאָס זיין די בעסטע זאַך פאר מיר, ווייל ער האָט מיך ליב און ער וויל מיין טובה"!**

דאָס וואָרט בטחון איז טייטש **'טראָסט'**. אַ איד מיט בטחון געטרויעט דעם אויבערשטן! ער איז זיך נישט מתעלם פון דעם מציאות, נאר **ער האָט אַ בלינדע 'טראָסט' אַז וויאַזוי דער רבוש"ע גייט אים פירן וועט זיין הונדערט פּראָצענט גוט!** אַלע אַנדערע פּרטים איז אים שוין בכלל נישט וויכטיג צו וויסן.

## צדיקים האָבן זיך נישט פאַרהוילן פון דעם מציאות אָבער זיי זענען געווען רואיג

דאָס האָט מען געזען בײַ צדיקים, אַז פון איין זייט האָבן זיי זיך נישט פאַרהוילן פון די פאַקטן אָבער פון דער אַנדערער זייט האָבן זיי זיך אינגאַנצן איבערגעגעבן אין די הענט פונעם אויבערשטן, זיי האָבן זיך פולקאָם פאַרלאָזט אויף זיין חסד, ווי אַן 'עבד' וואָס פאַרלאָזט זיך אויף זיין האר.

אין ספה"ק **בית אהרן** ווערט געברענגט אַז איינער האָט אַמאָל געבעטן פון הרה"ק רבי **שלמה קאַרלינער** זי"ע אַז ער זאָל קומען מאָרגן צו זיין הויז, האָט אים דער צדיק געזאָגט: "איך ווייס דען וואָס וועט זיין מאָרגן ? מען דאַרף דאך היינט נאָך ליינען קריאת שמע בײַ מעריב, וואָס דאָס איז מסירת נפש, דערנאָך דאַרף מען גיין שלאָפן, און מאָרגן אינדערפרי דאַרף מען ווייטער דאַווענען, זאָגן קריאת שמע, און נפילת אפים, וואָס איז אויך מסירת נפש, אפשר וועט דער אויבערשטער אויספירן מיין רצון און איך וועל שוין נישט לעבן, וויאַזוי קען איך מבטיח זיין וועגן מאָרגן ? ווער ווייסט וואָס וועט זיין מאָרגן ?".

צדיקים זענען געווען זייער רואיג. זיי האָבן געוואוסט אַז ס'קען זיין אַז מאָרגן וועט ער שוין נישט דאָ זיין, אָבער דאָס האָט זיי נישט געברענגט קיין שום לחץ! ווייל דאָס איז נישט קיין סתירה. **דער 'עבד' וואָס פאַרלאָזט זיך אויף זיין 'אדון' האָט נישט קיין מושג וואָס ער גייט טון מיט אים, אָבער דאָס נעמט נישט אַוועק פון זיין רואיגקייט!** ער איז אַזוי שטאַרק בטוח אַז ס'איז אים בכלל נישט משנה וואָס דער 'אדון' וועט למעשה טון.

## וואָס איז מיר אַ נפקא מינה וויאַזוי עס גייט זיין גוט ?

דאָס איז אַזויווי אַ מענטש וואָס פאַרמאָגט דירות צו פאַרדינגען אין אַ גוטע געגנט. אפילו ער ווייסט נישט פונקטליך פאר וועמען די דירה גייט זיין פאַרדינגען קומענדיגן חודש, דרייט ער זיך נישט יעצט אַרום פאַר'דאגה'ט דערפון, ווייל ער ווייסט זייער קלאָר אַז די דירה וועט זיין פאַרדינגען פאר איינעם, פונקט ווי ס'איז געווען פאַרדינגען ביז היינט. וואָס איז אים יעצט אַ נפקא מינה ווער פונקטליך וועט זיין דער 'טענעט' ?! וואָס איז אים אַ חילוק אויב ס'וועט גיין פאר דעם אָדער פאר יענעם ?!

**אָט אַזוי האָבן צדיקים געלעבט.** זיי זענען געווען רואיג און פאַרזיכערט אַז דער רבוש"ע גייט טון דאָס בעסטע פאר זיי. די שאלה פון: 'וואָס וועט זיין מאָרגן' האָט זיי אינגאַנצן נישט געמאַכט קיין דאגות אָדער צעבראָכנקייט, ווייל **זיי זענען געווען אָנגעלאַנט אויפ'ן אויבערשטן!** אפילו זיי האָבן נישט געוואוסט פונקטליך אויף וועלכע וועג ער גייט זיי פירן.

ג

# ואתה אמרת היטב איטיב עמך; די זיכערקייט פונעם איד אַז דער אויבערשטער וועט מקיים זיין הבטחתו

## וואָס ליגט הינטער די רואיגקייט פון בטחון

דער 'חובת הלבבות' הייבט אָן זיין 'שער הבטחון' מיט דעם פּרק א', וואָס איז גאָר אַ קליינע פּרק מיט בלויז עטליכע שורות, דאָרט שרייבט ער קלאָר אַרויס די נקודה מיט זיין הייליגע שפּראַך, וז"ל:

**אך מהות הביטחון הוא מנוחת נפש הבוטח, ושיהיה לבו סמוך על מי שבטח עליו, שיעשה הטוב והנכון לו בעניין אשר יבטח עליו, כפי יכולתו ודעתו במה שמפיק טובתו. אבל העיקר אשר בעבור יהיה הביטחון מן הבוטח, ואם יפקד ולא ימצא הביטחון, הוא שיהיה לבו בטוח במי שיבטח בו שיקיים מה שאמר, ויעשה מה שערב, ויחשוב עליו הטוב במה שלא התנה לו ולא ערב עשוהו - שיעשהו נדבה וחסד.**

דאָ שטייט אַז דער עיקר 'בטחון' איז צוויי זאַכן; ערשטנס אַז דער אויבערשטער גייט מקיים זיין אַלעס וואָס ער האָט מיך צוגעזאָגט. צווייטנס, אַז אפילו אַזעלכע זאַכן וואָס ער האָט נישט צוגעזאָגט גייט ער טון מיט מיך נדבה און חסד.

## איך באַקום אַלע מיינע צרכים פון השי"ת וואָס איז דער 'מקור הרחמים'

בטחון איז אויך טייטש אַז ס'איז דאָ אַ 'מבטיח', און איך בין דער 'בוטח' וואָס פאַרלאָזט זיך אויף זיין הבטחה. - דער מענטש קען זיין רואיג אַז דער רבוש"ע וועט אים געבן די צרכים וואָס ער דאַרף באמת האָבן, ווי דער פּסוק זאָגט "**פותח את ידיך**

> דאס איז די מענטשליכע נאַטור אַז מען שטופּט אַוועק אַלע נעגאַטיווע מחשבות, וויבאַלד מען וויל די זאַך אַזוי שטאַרק.

**"ומשביע לכל חי רצון"** און ווי מיר מאַכן יעדן טאָג די ברכה **"העושה לי כל צרכי"**; וואָס איך דאַרף האָבן וועט ער מיך געבן, און וואָס איך האָב יעצט - דאָס זענען מיינע צרכים! ווייל אַזוי האָט דער אויבערשטער מבטיח געווען.

ווען אַ איד דאַוונט קען ער מיט דעם כח התפלה טוישן דעם מציאות און זיך אַריינלייגן אין אַ נייע מצב, וואָס דעמאָלט וועט מען אים געבן זיינע באַדערפענישן מיט מער אָפנקייט. אָבער דער בוטח בה' ווייסט אַז אויך "יעצט", אין דעם מצב וואו ער געפינט זיך 'אַצינד', גיט מיך דער רבוש"ע אַלע מיינע צרכים! **ער פירט מיך מיט די גרעסטע הנהגה פון רחמנות!** ווייל אַלע רחמנות פון דער וועלט איז נאָר אַ 'תולדה' און אַ 'משהו' פון דעם רבוש"ע, וואָס ער איז דער מקור פון רחמנות. **איך קען זיך הונדערט פּראָצענט בוטח זיין אַז ער וועט מיך צושטעלן אַלע מיינע געברויכן, און איך קען זיך הונדערט פּראָצענט בוטח זיין אַז די יעצטיגע מצב איז דאָס בעסטע פאַר מיר!**

אַזאַ מנוחת הנפש שטערט נישט די עבודה פון תפלה. אדרבה די תפלה דערנאָך איז מיט אַ געוואַלדיגע רואיגקייט, דער מענטש איז פאַרזיכערט אין דעם גוטס פונעם אויבערשטן.

### דער אויבערשטער איז מנסה צדיקים מיט אַ גרעסערע מדריגה פון בטחון

דאָס וואָס מען האָט געזען צדיקים און בעלי בטחון וואָס האָבן יאָ זיך געפינען אין אַ מצב פון דחקות און הונגער, דאָס איז ווייל דער רבוש"ע האָט זיי מנסה געווען, צי זיי וועלן זיך בוטח זיין אפילו אין דעם שווערן מצב, וויבאַלד ער האָט זיי געוואָלט אַרויפברענגען צו נאָך אַ העכערע מדריגה פון בטחון.

מען דערציילט אַז דער פאָטער פון הרה"ק רבי **שלמה'קע מזוועהיל** זי"ע פלעגט געבן געלט פאַר אַלע זיינע קינדער נאָך זייער חתונה. אָבער הרה"ק רבי שלמה'קע זי"ע האָט נישט געוואָלט בעטן קיין 'מתנת בשר ודם' האָט ער נישט גענומען גאָרנישט פון זיין טאַטע. ס'איז אַריבער איין טאָג, נאָך אַ טאָג, און ווען ס'איז אָנגעקומען סוף וואָך האָט ער געזען אז ס'איז 'באו מים עד נפש', האָט ער געזאָגט פאַר זיין רביצין: "זעט אויס אַז ס'איז נגזר געוואָרן אַז מיר זאָלן יאָ דאַרפן נהנה זיין פון אַ מתנת בשר ודם" און ער האָט איר געשיקט צו זיין פאָטער נעמען אַביסל געלט.

אָנקומענדיג האָט זיין טאַטע געזאָגט אַז היות איך האָב ענק נישט געגעבן קיין געלט אַגאַנצע וואָך, וועל איך אייך יעצט געבן אַ רובל.

אינצווישן, איז אָנגעקומען אין שטוב פון רבי שלמה'קע אַ בעל הבית'ישער איד, און ער האָט אים געזאָגט אַז ער וויל אים געבן פאַר דרשה געשאַנק אַ גאַנצע רובל. דער איד האָט טאַקע אַרויסגענומען אַ רובל פון טאַש, אָבער ער האָט אָנגעהויבן רעדן מיט רבי שלמה'קע און זייענדיג אַזוי פאַרטיפט אין דעם שמועס האָט ער אומוועלנדיג אַריינגעלייגט דעם רובל אין זיין קעשענע, און דערנאָך האָט ער שוין פאַרגעסן און איז אַרויס פון שטוב אָן איבערלאָזן דאָס געלט.

ווען די רביצין איז צוריקגעקומען מיט דעם רובל האָט רבי שלמה'קע איר געזאָגט: "פון הימל האָט מען מיך אויספּרובירט. אויב איך וואָלט אָנגעהאַלטן מיין בטחון ביזן סוף, נאָך אַביסעלע, וואָלט איך באַקומען דעם רובל אָן דעם וואָס איך זאָל דאַרפן בעטן פון אַ 'בשר ודם', ס'איז געווען גרייט פאַר מיר יענע רובל, אָבער היות איך האָב דיך געשיקט צו גיין בעטן געלט, האָב איך שוין געדאַרפט צוקומען צו אַ 'מתנת בשר ודם'".

> **'הוללות' מיינט נישט לאַכן, הוללות איז דער 'תכונת הנפש' פון טון זאַכן אַנדעם וואָס מען זאָל טראַכטן איבער דעם מאָרגן**

אָט דאָס איז די עבודה פון אַ בעל בטחון. **דו זעהסט אַז ס'איז שווער ?! שטאַרק זיך נאָכמער מיט בטחון!** דריי זיך נישט יעצט אַוועק צו אַן אַנדערע מקור פון שפע! **דריי זיך נאָך שטאַרקער צום אויבערשטן!** חזר דיך איין אַז 'ער וועט מיך צושטעלן אַלע מיינע צרכים, ער טוט פאַר מיך דאָס בעסטע און ער וועט מיך אייביג מטיב זיין!'

### ווילן בלויז אַ ספּעציפישע רצון איז דער היפוך פון בטחון

ווען מען לערנט ריכטיג אָפּ די אויבנדערמאַנטע ווערטער פונעם חובת הלבבות איז פאַרשטענדליך אַז ווען איינער איז מחליט: "איך וויל האָבן די ספּעציפישע זאַך. זאָג מיר נישט אַז דער אויבערשטער פירט זיין הנהגה, איך דאַרף יעצט דוקא דאָס". **אַזאַ מהלך איז דאָך דער 'היפוך הגמור' פון בטחון.** אפילו מען לייגט דאָס אַריין אין אַזאַ לבוש פון "איך האָב בטחון אַז דער רבוש"ע וועט מיך עס געבן".

בטחון מיינט אַז מען 'טראַסט' און מען פאַרלאָזט זיך אַז דער אויבערשטער ווייסט וואָס פאַר מיר איז דאָס בעסטע. אָבער ווען דער מענטש איז זיך אליינס מחליט וואָס ער וויל, האָט ער דאָך דערמיט מגלה דעת געווען אַז ער פאַרשטייט בעסער וואָס איז גוט פאַר אים...

אודאי דאַרף מען אייביג מתפלל זיין אויפן עתיד, אַז עס זאָל זיין אָפּענע טוב, אָבער דאָס איז נישט קיין סתירה צו די רואיגקייט וואָס דער בעל בטחון האָט אַז **'יעצט האָב איך אַלעס וואָס איך דאַרף האָבן'**, ווייל ער גלייבט און ווייסט באמת, אַז דער אויבערשטער גיט אים די שלימות פון רחמנות 'שוין יעצט' אין דער סעקונדע! ער איז רואיג און ער שפּירט נישט אַז עס פעלט אים עפּעס.

### דאָס רואיגע לעבן פון דעם בעל בטחון במשנתו פון בעש"ט הק'

דער יסוד נפלא שטייט פון **בעש"ט הק'** אין ספר **צוואת הריב"ש** (אות ד) וזלי"ק: "**יבקש מהשי"ת שיזמין לו תמיד מה שהשי"ת יודע שהוא לטובתו, ולא מה שנראה לבני אדם טובה על-פי שכלו, כי אפשר מה שבעיניו טוב הוא רע לו, רק ישליך הכל, כל ענייניו וצרכיו, עליו יתברך.**" - דער מענטש זאָל בעטן פון השי"ת אַז ער זאָל אים אַלעמאָל געבן וואָס דער אויבערשטער ווייסט אַז דאָס איז לטובתו, נישט וואָס זעט אויס פאַר'ן מענטש אַ טובה לויט זיין שכל, ווייל דאָס וואָס זעט אים אויס גוט איז אפשר גאָר אַ שלעכטס, נאָר ער זאָל אַלעס אַרויפוואַרפן, אַלע זיינע ענינים און געברויכן, אויפ'ן אויבערשטן.

אַ מענטש וואָס האָט בטחון לעבט מיט אַ געוואַלדיגע 'מנוחת הנפש' אין יעדן מצב. **זיין רואיגקייט איז נישט וויבאַלד ער איז פאַרזיכערט אַז דאָס וואָס ער וויל, גייט טאַקע געשען. ניין, ער איז רואיג ווייל ער ווייסט אַז דער אויבערשטער גיט אים בלויז דאָס בעסטע, אַלעמאָל.** ער איז זיכער אַז אַלעס איז רחמים וחסדים און דעריבער שפּירט ער ניטאָמאָל קיין צער.

### אשרי אדם בוטח בך - בטחון באַדייט 'הונדערט פּראָצענט' גליקליך

אַצינד, לאָמיר צוזאַמען נעמען די נקודה וואָס מיר האָבן ביז יעצט געלערנט:

דער פסוק פון "הבוטח בה' חסד יסובבנו" איז זיכער הונדערט פּראָצענט! **דער אמת'ער בוטח בה' באַקומט אַזאַ גרויסע "חסד יסובבנו" אַז ס'איז אים שוין בכלל נישט משנה, 'וואַזוי' דער רבוש"ע וועט אים העלפן.**

דאָס איז טייטש "אשרי אדם בוטח בך", דער בעל בטחון איז הונדערט פּראָצענט אַ גליקליכער מענטש. **נישט ניינציג פּראָצענט, נישט פינף און ניינציג פּראָצענט, נאָר הונדערט פּראָצענט!** ווייל ער באַקומט אַזאַ שמחה, אַזאַ גליק, פון דעם דביקות בה' דורך בטחון אז ער איז שוין אַ געהאָלפענער! ער דאַרף נישט וויסן אויף וואָס פאַראַ סאָרט אופן דאָס וועט זיך ענדיגן ווייל ס'איז אים נישט קיין שום חילוק.

ס'איז דאָ אַסאַך אידן וואָס געדענקן נאָך דעם געהויבענעם איש חסיד, רבי **אלי' ראָטה** ז"ל, (משב"ק פון הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע און אַ באַקאַנטער מחנך וואָס האָט אַסאַך אידישע בחורים געשטעלט אויף דער פיס), וועלכער איז געווען אַ דמות פון אַזאַ סאָרט איד. ער האָט געהאַט אַלע שוועריגקייטן אין לעבן; ער איז געווען נישט געזונט; געוואוינט אין אַ צעבראָכענע הייזקע אונטער דער ערד; אַ קראַנקע ווייב; נישט זוכה געווען צו קיין קינדער ל"ע, און אַזוי ווייטער אַלע סאָרט צרות וואָס מען קען נאָר טראַכטן, אָבער ער איז אַרומגעגאַנגען מיט אַזאַ שמחה! **ער האָט באמת געשפּירט אַז ער איז דער פרייליכסטער מענטש אויף דער וועלט!** ער פלעגט אַזוי לעבן און אַזוי רעדן און יעדער וואָס איז געשטאַנען נעבן אים האָט דאָס געשפּירט בפועל ממש!

דאָס איז די מהות פון דעם בוטח בה': ער ווערט אַזוי שטאַרק זיכער אַז דאָס וואָס דער אויבערשטער טוט איז די בעסטע זאַך פאַר אים, **אַז דאָס מאַכט אים פשוט גליקליך אין זיין מצב.** ער איז אויך אַזוי זיכער אַז דער אויבערשטער גייט אים העלפן, ווייל אַזוי האָט דאָך דער רבוש"ע מבטיח געווען! ער איז זיכער אַז עס גייט זיין גוט, אָבער אויף וועלכע סאָרט אופן ? דאָס איז אים שוין נישט נוגע! ער טראַכט איינפאַך נישט דערפון!

# והתענג על ה' ויתן לך משאלות לבך; דער שכר פון 'בטחון' איז 'בטחון'

## וויאַזוי קען זיין אַז געלט זאָל זיין אַ שכר פאַר בטחון?

ס'איז דאָ אַ וואָרט פונעם בריסקער רב, **הגרי"ז** זצ"ל, אַז לכאורה ווייסן מיר דאָך פונעם '**חובת הלבבות**', אַז דער בעל בטחון איז זוכה צו דער גרעסטער גליק און צופרידנהייט, אַסאַך מער ווי איינער וואָס האָט געלט! **בטחון איז די גרעסטע תענוג וואָס איז נאָר דאָ אויף דער וועלט!**

אויב אַזוי, וויאַזוי קען עס זיין אַז ווען אַ מענטש האָט בטחון גייט מען אים זאָגן אַז ער וועט באַקומען עשירות, אַלס שכר פאַר זיין בטחון?! עשירות איז דאָך אַסאַך אַ שוואַכערע תענוג ווי דער מנוחת הנפש פון בטחון. ס'האָט נישט קיין פשט צו זאָגן: 'אויב דו וועסט האָבן בטחון וועסטו באַקומען אַ שוואַכערע זאַך?!'"...

## די אמת'ע שכר פון בטחון איז אַ טיפערע געפיל אין בטחון

איז דער בריסקער רב מסביר אַז דער שכר פאַר בטחון איז אַז מען וועט פון הימל אים געבן נאָך אַ העכערע מדריגה אין בטחון! **דער שכר פאַר'ן זיך בוטח זיין בה' איז אַז דער מענטש וועט אָנהויבן שפירן אַ געשמאַקערע געפיל אין בטחון!**

דער מענטש וועט מרגיש זיין אַזאַ תענוג פון דעם בטחון, וואָס **מען קען נישט שפירן אַזאַ תענוג אפילו פון געלט, נחת פון די קינדער, שידוכים, און פון אַלע אַנדערע זאַכן וואָס מענטשן דאַרפן אויף דער וועלט!** ער וועט צוקומען צו אַסאַך אַ העכערע מדריגה פון 'וקוה אל השם' און דאָס איז טאַקע אַ שכר וואָס איז פיל מער ווי געלט און אַלע אַנדערע תענוגים.

מיר ווייסן אַז אַלעס וואָס דער מענטש טראַכט אין קאָפּ איז דאָס גלייך משפיע אויף זיין הארץ. ווען ער טראַכט אַ גוטע זאַך וועט ער שפירן אַ שמחה אין הארץ, און דאָס זעלבע פאַרקערט. דאָס האָט דער אויבערשטער אַזוי אויסגעשטעלט ספּעציעל, כדי צו געבן שכר פאַר'ן בעל בטחון: ווען ער טראַכט מחשבות פון בטחון וועט ער גלייך באַקומען אַ רואיגקייט אין האַרץ! **אַ איד וואָס איז מקיים דעם 'הבוטח בה'' אין קאָפּ, וועט אויטאָמאַטיש שפירן דעם 'חסד יסובבנו' אין הארץ**, מיט אַ גליקליכקייט און צופרידנהייט, עד אין לשער.

## די מדריגה פון צדיקים וואָס האָבן זוכה געווען צו אַן ענין פון 'נבואה'

ווען איינער קומען און פרעגן אַז למעשה האָט מען דאָך געזען ביי צדיקים וואָס האָבן יאָ קלאָר מבטיח געווען אַז די צרה וועט אַוועקגיין, דער פריץ וועט שטאַרבן, דער חולה וועט אויסגעהיילט ווערן וכדומה. וויאַזוי האָבן זיי דאָס געקענט זאָגן ווען אפשר איז די בעסטע זאַך פון הימל אַז די צרה זאָל נישט אַוועקגיין?!

די תשובה דערויף איז אַז באמת איז טאַקע דאָ אַ היכע מדריגה פון בטחון, וואָס דאָרט קען דער מענטש זיך בוטח זיין אויף אַזאַ אופן, אַז די ישועה וועט זיכער קומען לויט זיין ווילן. אָבער דאָס איז אַ העכערע מדריגה, וואָס קומט הערשט נאָכדעם וואָס מען האָט זיך משלים געווען אין דער ערשטער מדריגה, ווען מען איז זיך בוטח בה' אַז ער וועט אים זיכער טון דאָס בעסטע.

אַזוי שרייבט רבי **אברהם בן הרמב"ם** ז"ל אין זיין ספר "**המספיק לעובדי השם**", וזה לשונו: "**מעלת ביטחון זו לא ישיגוהו רוב בני האדם, אלא רק מי שנגלים אליו בחזון נבואי ומבשרים לו עתידות**" - די סאָרט בטחון אַז אַ מענטש איז בטוח אַז דער רבוש"ע גייט אים געבן משאלות לבו לויט זיין ווילן, דאָס איז נישט געאייגנט פאַר רוב מענטשן, נאָר פאַר די גרויסע אידן וואָס באַקומען אַ הארה פון נביאות און מען איז זיי מבשר פון הימל די עתידות.

## די מהות פון בטחון פאַר יעדן איד

אָט די מדריגה פון בטחון איז אַ שטיקל ענין פון 'נבואה' וואָס צדיקים האָבן זוכה געווען דערצו, אַז זיי ווייסן פון פאָראויס וואָס עס גייט זיין. אָבער דאָס איז שוין די העכסטע מדריגה, דאָס איז נישט די מהות פון בטחון וואָס דער חובת הלבבות דערמאָנט אין דעם אויבנדערמאַנטן 'פרק ראשון' פון 'שער הבטחון'.

דער מהות פון בטחון לויט'ן חובת הלבבות איז אַז ווען אַ איד טרעפט זיך אין אַ מצב ווען ער האָט נישט וואָס צו עסן, זאָל ער זאָגן: "**דאָס איז יעצט מיין צורך און דער אויבערשטער וועט מיך זיכער געבן, ווייל אַזוי האָט ער מיך צוגעזאָגט, אַז ער גייט מיך געבן מיינע צרכים.**"

דאָס מיינט נישט אַז ער גייט מיך יעצט געבן גענוי '**וואָס**' איך וויל, און פונקטליך '**וויאַזוי**' איך וויל עס, אָבער ער גייט מיך זיכער מטיב זיין. ער גייט מיך זיכער געבן אַלע געברויכן וואָס איך דאַרף באמת האָבן! ווייל איך האָב אַן הבטחה אַז ער גייט מיך אַלעמאָל געבן גוטס!

אָט אַזאַ בטחון העלפט אַלעמאָל אָן קיין אויסנאַמען! דאָס קומט אָבער בתנאי אַז מען ווייסט וואָס איז דאָס '**בטחון**' און וואָס דאָס '**גליקליכקייט**'. אויב מען לערנט נישט גוט אָפּ די צוויי זאַכן קען מען טאַקע צוקומען צו אַ טעות און אַ ווייטאָג.

## ס'איז נישטאָ קיין גרעסערע תענוג ווי דער תענוג פון בטחון

ווען מען הערט אַזעלכע ווערטער איז פאַראַן אַזעלכע וואָס טראַכטן: "מען האָט דאָך אַרויסגענומען די גאַנצע לופט פון דער זאַך... ביז יעצט האָב איך געמיינט אַז בטחון וועט העלפן אַז איך זאָל באַקומען למעשה אַלעס וואָס איך וויל; אָבער יעצט זאָגט מען אַז בטחון איז צו לעבן מיט די הרגשה אַז וואָס דער רבוש"ע טוט איז דאָס בעסטע פאַר מיך...".

זאָגט מען פאַר אַזאַ מענטש: דו מיינסט אַז דו ווייסט וואָס הייסט תענוג! דו האָפסט אויף עפּעס ווייל דו קלערסט אַז יענע זאַך איז גוט. אָבער **ווייסטו דען וואָס הייסט גוט?!** הייב אָן לעבן מיט בטחון וועסטו הערשט זען וואָס הייסט גוט! **אויב וועסט זיין אַ בוטח בה' וועט זיך דיר עפּענען אַזאַ תענוג וואָס איז אַסאַך העכער פון דיינע יעצטיגע רצונות!**

פונקט ווי אַ דאָרפסמאַן וואָס האָט נישט קיין מושגים, דאַרף מען אים עפּענען די אויגן און אויפקלערן אַז ס'איז דאָ אַ וועלט פון תענוגים, דאָס זעלבע איז ביי בטחון: הייב אָן לעבן מיט אַ רואיגקייט אַז אַלעס איז גוט, און אַלעס וועט דיר טאַקע זיין גוט! ווייל דער אויבערשטער לאָזט זיך דיך נישט אָפּ קיינמאָל.

אַסאַך מאָל וועט מען נאָכדעם זען אַן אָפּענע 'התגלות הטוב', וויאַזוי דער רבוש"ע וועט באמת ממלא זיין אַלע צרכים, לויט וויאַזוי דער מענטש באַגערט, ווי יעדער ווייסט ביי זיך אליינס מעשיות וויאַזוי בטחון האָט אים געהאָלפן באופן פלא, אָבער דאָס איז נישט די עיקר תענוג פון בטחון: **דער שכר פון בטחון איז די מורא'דיגע 'שלוות הנפש' און דאָס גליקליכקייט אַז דער אויבערשטער באַגלייט דיך און גיט דיך אַלע דיינע געברויכן, ווי אַ טאַטע וואָס זאָרגט זיך פאַר זיין קינד.** אָט די סאָרט 'התגלות הטוב' איז אייביג דאָ, און דאָס אַרבעט אַלעמאָל הונדערט פּראָצענט!

## די קלאָרע 'הדרכה' און 'הבטחה' פון דעם מעזריטשער מגיד זי"ע

אַ הפלאַ'דיגע לשון שטייט פון דעם הייליגן **מגיד פון מעזריטש** זי"ע, אין ספר **תורת המגיד** (כללים נוראים עמ' עג): צוערשט ברענגט ער אַראָפּ די ווערטער פון זוהר הק' (ח"א קמ"ב, א): "**אל יאמר בר נש אני בוטח בה' יתברך שיעשה עמי כך וכך, כי אפשר שאינ' ראוי מצד העוונות, אך יאמר בוטח אני שירחם עלי ויגמול לי חסד.**" - דער מענטש זאָל נישט זאָגן אַז איך בין בוטח אַז השי"ת וועט מיך טון אַזוי און אַזוי, ווייל אפשר בין איך נישט ראוי צוליב מיינע זינד, אָבער ער זאָל זאָגן 'איך בין בוטח אַז ער וועט זיך מרחם זיין אויף מיר און ער וועט מיך גומל חסד זיין'.

און דער מגיד זי"ע לייגט צו: "**יבטח האדם**

> **דער 'עבד' וואָס פאַרלאָזט זיך אויף זיין 'אדון' האָט נישט קיין מושג וואָס ער גייט טון מיט אים, אָבער דאָס נעמט נישט אַוועק פון זיין רואיגקייט!**

**שכל מה יעשה עמו יהיה על-פי חסדיו ורחמיו, ואל יחשוב שיעשה לו מה שהוא מבקש, אלא יבטח בו בלי שום הרהור רק באמת כי השי"ת בוחן כליות וחוקר לב".**

דאָס הייסט אַז אַ מענטש זאל וויסן און געדענקן: "איך ווייס נישט וואָס דער רבוש"ע גייט טון, איך טראַכט נישט אַז ער גייט פּונקטליך וואָס איך בעט אים, אָבער אַזויפיל ווייס איך זיכער, אַז אַלעס וואָס ער טוט און אַלעס וואָס ער גייט טון מיט מיר איז בלויז 'רחמנות' און 'חסדים'".

און דער מעזריטשער מגיד ענדיגט צו מיט אן הבטחה: **"וכשיהיה בטוח בזה האדם שלא להרהר אחריו אף שלא נעשה בקשתו, בוודאי יהא".**

דאָ שטייט אַ וואונדערליכע זאַך, אַז דער מענטש זאל נישט טראַכטן אַז זיין בקשה וועט ווערן נתמלא, ווייל דעמאָלט איז ער נישט קיין ריכטיגער בוטח. אַ איד דאַרף זיך פאַרלאָזן אַז אַלעס וואָס דער רבוש"ע טוט מיט אים איז דאָס בעסטע. אָבער נאָכדעם וואָס ער האַלט שוין ביי דער מדריגה, נישט צו וועלן עפּעס אַנדערש, נאר וואָס דאָס אויבערשטער גיט אונז, דעמאָלט וועט טאַקע אָנקומען אויך די ישועה, אַזוי ווי דער מענטש האָט לכתחלה געוואָלט!

מ'קען זאָגן אַז דאָס איז אין אַ געוויסע בחינה ווי די משנה פון "הרודף אחר הכבוד, הכבוד בורח ממנו". אויף דעם אופן אַרבעט עס אויך ביי בטחון. אויב דער מענטש לויפט נאָך אַ געוויסע זאַך, וועט די זאַך אַוועקלויפן, ווייל **ווילאַנג ער וויל דוקא די זאַך, אויף די ספּעציפישע אופן, קען ער דאָך נישט זיין קיין בוטח בה'.** דערפאַר לויף אַוועק פון אַזעלכע מחשבות! זיי קונה אַ רואיגקייט און אַ מנוחת הנפש אַז דער אויבערשטער ווייסט וואָס איך דאַרף, אָבער קוק נישט צוריק אַגאַנצע צייט... נאר לעב מיט אַ קלאָרע בטחון אַז דער רבוש"ע גיט מיך אַלעס גוטס. דעמאָלט וועט זיך טאַקע נאָכמער עפענען דער טוב, און דו וועסט אפילו באַקומען די זאַך וואָס דו האסט אָריגינעל געדאַרפט.

### והיה ה' מבטחו - דער רבוש"ע וועט האָבן בטחון אין דיך

מיט דעם יסוד טייטשט דער תורת המגיד דעם פּסוק "**ברוך הגבר אשר יבטח בהשם והיה ה' מבטחו**", - געבענטשט איז דער מענטש וואָס איז זיך אינגאַנצן בוטח אין דעם אויבערשטן, ער פאַרלאָזט זיך בלב שלם אַז דער רבוש"ע גייט אים מטיב זיין, אפילו אויב די ישועה וועט נישט קומען פּונקטליך לויט ווי זיין בקשה. דעמאָלט וועט זיין "והיה ה' מבטחו", דאָס הייסט אַז דער רבוש"ע וועט זיך בוטח זיין אין דעם איד!

ווען דער אויבערשטער וועט דיך געטרויען אַז דו ביזט נישט מהרהר, דו ביזט אַ ריכטיגער בעל בטחון, דעמאָלט וועט ער דיך שוין נישט דאַרפן מנסה זיין און ער וועט טאַקע געבן דיין 'משאלות לבך', וויאַזוי דו האסט עס געוואָלט! יעצט אַז דו ביזט שוין אַן אמת'ער בעל בטחון וועט זיין 'חסד יסובבנו' אויף אַלע זייטן, אויך אויף דעם אופן וויאַזוי דו האסט געטראַכט אַז דאָס איז דאָס בעסטע!

# הכרת הטוב

## וראה בטוב;

'הכרת הטוב' דורך באַמערקן און לעבן מיט דאָס גוטס

יום שני פרשת וארא כ"ג טבת תשפ"ג

א

## קדוש יאמר לו; די כלי וואָס ברענגט דיך שפע איז אויך הייליג

### מכיר זיין דעם טוב וואָס ליגט באַהאַלטן אין דעם צינור פון הימל

ווען מען רעדט איבער די מדה פון 'הכרת הטוב' דאַרף זיין דער בליק פונעם מענטש אַז יענער וואָס האָט דיך געהאָלפן איז למעשה געווען דער 'צינור' וואָס האָט דיך געברענגט די שפע וואָס דער רבוש"ע האָט דיך געשיקט. **יענער איז געווען דער 'כלי' וויאַזוי דער אויבערשטער האָט דיך געהאָלפן מיט דיינע געברויכן.**

דער כלל איז אַז ביי יעדע זאַך אויף דער וועלט, אַז אַ כלי וואָס ברענגט שפע פון דעם רבוש"ע צום מענטש, ווערט די כלי אליינס אויך הייליג.

מען קען דאָס אַביסל מדמה זיין צו אַ ספר תורה - הגם וואָס דאָרט איז דאָס אויף פיל אַ העכערע מדריגה. די ספר תורה איז הייליג ווייל עס האָט געברענגט אַ 'שפע קודש' פאַר'ן מענטשן. פון וואו קומט די פּאַרמעט ? פון וואָס האָט מען אויסגעאַרבעט די פּאַרמעט ? די אַלע פּרטים זענען שוין נישט משנה! יעצט איז דאָרט אַריינגעשריבן 'דברי אלקים חיים' וואָס יעדער וועלכער לערנט דאָס ווערט מקושר צום אויבערשטן. דאַרף מען זיך אויפשטעלן דערפאַר, מען דאַרף דאָס געבן אַ קיש, און מ'דאַרף נזהר זיין מיט אַלע הלכות פון כיבוד ספר תורה!

דאָס לערנט אונז דעם כלל: יעדע זאַך וואָס דער רבוש"ע שיקט אונז שפע דורך דעם, **ווערט דאָס אליינס הייליג**, און מיר דאַרפן דאָס

> **קומט דאך אויס אַז די שפּעפעלעך זענען יעצט דער 'דיבור פון דעם באַשעפער'. זיי זענען די צינור וויאַזוי דער אויבערשטער האָט מיך געגעבן זיין הבטחה**

אָפּגעבן דעם פּאַרדינטן כבוד.

### 'כיבוד אב ואם' - ווייל זיי זענען געווען די כלים פאר דער 'שפע' פונעם רבוש"ע

ווען אַ מענטש פאַרשטייט דעם יסוד באַגרייפט ער די עומק פון 'כיבוד אב ואם' און 'כיבוד רבו'. ס'איז אים שוין יעצט נישט משנה וואָס איז די מדריגה פון זיין פאָטער, דער רמב"ם און דער שו"ע פּסק'נען דאך (יו"ד סי' ר"מ סי"ח) אַז אפילו ווען דער טאַטע איז אַ רשע איז מען אים מחיוב צו מכבד זיין. פאַרוואָס?! ווייל **איך בין אים נישט מכבד צוליב זיין דרגא אין אידישקייט, נאר ווייל דורך אים בין איך צוגעקומען צום רבוש"ע!** ער איז געווען דער כלי וויאַזוי דער אויבערשטער האָט מיך געברענגט שפע!

פאַרשטענדליך אַז צומאָל איז פאַרהאַן אויסנאַמען, ווען ס'איז נישט מעגליך צו מקיים זיין דעם כיבוד, וואָס דעמאָלט איז די הלכה אַז מען זאָל גיין וואוינען אין אן אַנדערע אָרט, אָבער דער רעיון בלייבט אַלעמאָל אַקטועל! דער מענטש דאַרף געדענקן אַז יענער וואָס האָט מיך מטיב געווען איז ביי מיר 'הייליג', ווייל

> **ער קוקט אויף אונזער פּינטעלע איד, אויף אונזער אמת'ע רצון, אויף די פּעלער ווען מיר האָבן אים יאָ געפּאָלגט, און ער זוכט שטענדיג אונז צו העלפן תשובה טון**

דורך אים בין איך צוגעקומען צום אויבערשטן.

### 'כיבוד רבו' - ווייל ער האָט געברענגט דעם רבוש"ע נאָענט צו מיר

דאָס זעלבע זאַך איז ביי דעם ענין פון מכבד זיין אַ רבי: עס שטייט נישט אַז דער רבי דאַרף זיין דער 'צדיק הדור'... פאַרקערט, די ראשונים זאָגן אויף די משנה אין אבות "עשה לך רב", אַז דאָס מיינט אפילו איינער וואָס איז קלענער פון דיר.

מענטשן זענען צומאָל מבולבל ווען ס'קומט צו דעם ענין; מען מיינט אַז אויב דער 'רבו שלמדו תורה' איז נישט ממש דער צדיק הדור איז דאָס אַ שפּיל. אָבער דער אמת איז אַז דאָ קומט בכלל נישט אַריין זיין צדקות; **די שאלה איז אויב ער האָט דיך געלערנט תורה ?!** אויב איז דער תירוץ אַז יאָ, דעמאָלט דאַרפסטו אים מכבד זיין! פאַרוואָס ? ווייל ער האָט געברענגט דעם רבוש"ע נאָענט צו דיך! **ער איז געווען דער 'כלי' צו ברענגען די שפע, און ער איז דורכדעם געוואָרן הייליג פאַר דיך.** אין אַ געוויסן זין דאַרפסטו אים באַטראַכטן ווי דיין 'ספר תורה'!

דאָס איז געווען דער בליק פון יעקב אבינו ע"ה, ווי מיר האָבן דערמאַנט דעם מדרש אַז יעקב האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף די וואוילזיין פון די שפּעלעך, ווייל **ער האָט באַטראַכט די שפּעלעך אַז זיי זענען געווען די 'כלים' אים צו ברענגען דעם שפע פון אויבן.** דער רבוש"ע האָט אים מבטיח געווען "ושמרתיך בכל אשר תלך.. לחם לאכול ובגד ללבוש", און דורך די שאף איז נתקיים געוואָרן די הבטחה! קומט דאך אויס אַז די שפּעלעך זענען יעצט דער 'דיבור פון דעם באַשעפער'. זיי זענען די צינור וויאַזוי דער אויבערשטער האָט מיך געגעבן זיין הבטחה, דערפאַר האָט ער זיי מכיר טובה געווען.

### דער 'צינור' איז מגלה אלוקות אויף דער וועלט

באמת גייט דאָס נאָך טיפער דערפון:

מיר ווייסן דאך אַז יעדע מציאות אויף דער וועלט איז דער אויבערשטער מחי'. **סיי די פּנימיות און סיי די לבוש פון יעדע זאַך איז באמת בלויז 'אלוקות'.** נאר ס'איז דאָ אַן 'הסתרה', און מיר זען נישט די באַהאַלטענע אלוקות וואָס איז מחי' אַלעס אויף דער וועלט.

ווילאַנג די טבע איז אַרומגענומען מיט דעם 'הסתרה' זענען מיר זיך מתייחס צו דער זאַך אַזוי ווי עס קוקט אונז אויס פון אינדרויסן. מיר זען אַ ספר, אַ ספרים שאַנק, אַ בימה, א.א.וו. אָבער אין דער מינוט וואָס דער חפץ איז געווען אַ 'כלי' וויאַזוי דער רבוש"ע האָט מיך געשיקט דורכדעם אַ 'שפע', **האָב איך יעצט אײנגעזען די 'אלוקות' וואָס ליגט דאָרט באַהאַלטן.** דער רבוש"ע האָט אַראָפּגענומען דעם טבע'דיגן 'לבוש' פון דעם חפץ, אַז איך זאָל אים קענען דאָרט טרעפן.

ביז היינט איז דאָס געווען פּשוט'ע שפּעלעך - וואָס אודאי האָט דאָס דער אויבערשטער מחי' געווען אָבער איך האָב עס נישט מכיר געווען - אָבער פון יעצט און ווייטער זענען זיי געוואָרן אַ 'צינור' מיך צו ברענגען שפע. **איז דאָס שוין נישט קיין איינפאַכע שאף, נאר ס'איז 'אלוקות'!** דער רבוש"ע האָט זיך מגלה געווען אין דער זאַך!

### 'הכרת הטוב' איז אַנערקענען דאָס געטליכקייט וואָס איז יעצט אַנטפּלעקט געוואָרן

ס'איז ידוע אַז דער אר"י הק' האָט מקפּיד געווען נישט צו אומברענגען אפילו אַ מורישקע, ווייל ער האָט נישט געוואָלט אַוועקנעמען דעם 'חיות אלוקות' וואָס ליגט דאָרט באַהאַלטן. מיר זענען נישט אין דער דרגא, און מען פּסק'נט נישט אַזוי להלכה, אָבער דאָס איז דער מציאות, און מיר האָבן אַ גרויסע אַרבעט צו אָנקומען צו דער מדריגה פון מכיר זיין די אלוקות פון יעדע זאַך.

אָט דאָס איז די נקודה פון 'הכרת הטוב': **דער 'צינור' זעלבסט ווערט הייליג ביי דעם מענטש, און ממילא איז ער מחויב אים צו מכבד און מכיר טובה זיין.** ווייל ער איז מכבד די 'אלוקות' פון דער זאַך אָדער פון דעם מענטש!

ב

## יכבוש עונותינו; טרעפן דאָס גוטס און באַהאַלטן דאָס שלעכטס

### דער יסוד פון הייליגן 'תומר דבורה'

ווען מען דערהערט אָט די נקודה אַז ווען איך בין מכיר טובה, בין איך דורכדעם מכבד די קדושה פונעם אויבערשטן, גיט אונז דאָס צו פאַרשטיין דער גרויסער יסוד וואָס עס שטייט אין ספר הק' **תומר דבורה**, וויאַזוי יעדער איד קען זיך פירן מיט דער מדה פון "יכבוש עוונותינו", פּונקט ווי כביכול דער רבוש"ע.

דער תומר דבורה שמועסט אויס אַז ווען ס'איז פאַרהאַן איינער וואָס האָט דיך געטון טובות, אָבער ער האָט דיך אויך בא'עולה'ט, זאָל מען נישט יעצט מאַכן דעם חשבון: "יענער האָט מיך טאַקע געטון אַ טובה אָבער ער האָט מיך אויך געטון שלעכטס" און מען וועט פאַרגעסן די טובה. **ניין, דער מענטש זאָל נישט אַזוי טון.** נאר דאָס שלעכטס זאָל ער מאַכן פאַרגעסן אויף יעדן אופן וואָס ער קען - צי דורך דן זיין לכף זכות צי דורך אַנדערע מהלכים. אבער **דאָס גוטס זאָל ער שטענדיג האַלטן פאַר זיינע אויגן.** ער זאָל זיך מעלים עין זיין פון די שלעכטס וואָס יענער האָט אים געטון, מיט סיי וועלכע מיטל ער קען נאר.

פּונקט אַזוי פירט זיך דער רבוש"ע מיט אונז, ער איז אויך 'כובש עוונות' און ווען ער זעט אַ איד טוט אַ מצוה פריידט ער זיך מיט אים. אפילו דער איד האָט בעפאָר געטון נישט גוטע זאַכן, האָט דער אויבערשטער אַן הנהגה וואָס רופט זיך "כבישת עוונות". ער קוקט אויף דאָס גוטס פון דעם מענטש, ער קוקט אויף אונזער פּינטעלע איד, אויף אונזער אמת'ע רצון, אויף די פּעלער ווען מיר האָבן אים יאָ געפאָלגט, און ער זוכט שטענדיג אונז צו העלפן תשובה טון. דער גאַנצער ספר תומר דבורה איז דאך

**◂ אותיות מחכימות ▸** — ספה"ק תומר דבורה פרק א'

אַף מִדָּה זוֹ צָרִיךְ הָאָדָם לְהִתְנַהֵג בָּהּ, שֶׁלֹּא יִכְבֹּשׁ טוֹבַת חֲבֵרוֹ, וְיִזְכֹּר רָעָתוֹ שֶׁגְּמָלָהוּ. אֶלָּא אַדְּרַבָּה, יִכְבֹּשׁ הָרַע וְיִשְׁכָּחֵהוּ וְיַזְנִיחֵהוּ, וְלֹא יָגוּר בִּמְגוּרוֹ רָע, וְתִהְיֶה הַטּוֹבָה סְדוּרָה תָּמִיד לְפָנָיו, וְיִזְכֹּר לוֹ הַטּוֹבָה וְיַגְבִּיר לוֹ עַל כָּל הַמַּעֲשִׂים שֶׁעָשָׂה לוֹ.

וְלֹא יְנַכֶּה בְּלִבּוֹ וְיֹאמַר 'אִם עָשָׂה לִי טוֹבָה הֲרֵי עָשָׂה לִי רָעָה' וְיִשְׁכַּח הַטּוֹבָה. לֹא יַעֲשֶׂה כֵן, אֶלָּא בְּרָעָה יִתְרַצֶּה כָּל דֶּרֶךְ רִצּוּי שֶׁיּוּכַל, וְהַטּוֹבָה אַל יַזְנִיחָהּ לְעוֹלָם מִבֵּין עֵינָיו, וְיַעֲלִים עֵינוֹ מִן הָרָעָה כָּל מַה שֶּׁיּוּכַל, כְּדֶרֶךְ שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא כּוֹבֵשׁ עֲוֹנוֹת.

געשטעלט וויאַזוי מיר דאַרפן זיך מדמה זיין צום אויבערשטן, און אויך מיט דער מדה דאַרפן מיר זיך אַזוי פירן, צו אמת'דיג מכיר טובה זיין פאר אַנדערע, אפילו ווען ס'איז דאָ זייטיגע טענות.

### די עבודה פון פאַרגעסן דעם 'רע' און געדענקן דעם 'טוב'

דאָס איז ווירקליך איינס פון די שווערסטע זאַכן אין דער סוגיא פון 'הכרת הטוב', ווייל ווען אַ מענטש ווערט ווי געטון דורך אַ צווייטן, פאַרגעסט ער פון אַלע טובות וואָס יענער האָט אים געטון און ס'איז אים קלאָר אַז ער דאַרף אים יעצט נישט מכיר טובה זיין ווייל "יענער איז דאך באמת אַן אוממענטש"...

ווען מען דערמאָנט אים די טובות וואָס יענער האָט אים געטון ווערט מען דערפון נישט באַרואיגט - "איך זאָל יעצט פאַרגעסן די עולה וואָס ער האָט מיך געטון ?! איך בין עפּעס אַ מלאך ?! איך ליידט דאך יעדן טאָג צוליב אים!".

דער 'תומר דבורה' לערנט אונז אבער אַז מען דאַרף טאַקע אַרבעטן דערויף. דאָס גייט נישט פון זיך אליינס. ס'איז אַן עבודה זיך צו באַרואיגן, צו לייכטער מאַכן די עולה וואָס יענער האָט אונז געטון.

צום ביישפּיל אויב איינער האָט אונז דערלייגט געלט, דאַרף מען חזר'ן אַסאַך מאָל אַז דאָס האָט נישט מיט יענעם, אָן אים וואָלט איך אויך שאָדן געהאַט דאָס געלט. אָדער קען מען טראַכטן פאַרקערט, אַז כ'האָב למעשה באַקומען די זעלבע געלט פון אַן אַנדערע פּלאַץ. **אַזעלכע מחשבות דאַרפן מיר זיך אליינס זאָגן ביז מיר וועלן זיך באַרואיגן און נישט זיין פאָקוסירט אויף די שלעכטס פון יענעם.**

גלייכצייטיג זאָל דער מענטש זיך מתבונן זיין אויף דאָס ביסל גוטס וואָס יענער האָט אים געטון. **דערמאַן זיך דאָס איינמאָל און נאָכאַמאָל**, און מאַך דערפון אַ גרויסע זאַך: "ער האָט מיך געטון אַזאַ געוואַלדיגע טובה... ער האָט מיך ממש געראַטעוועט"! געדענק זיינע גוטע זאַכן און פארגעס זיינע עוולות!

### יעדער דאַרף אַרבעטן אָנצוקומען צו אַזאַ בליק אויף מענטשן

עס זענען פאַרהאַן מענטשן וואָס זענען נאַטירליך מער אָפּטימיסטיש, זיי קוקן אויף אַנדערע מיט אַ פּאָזיטיוון בליק: "אַלעס איז פיין... אַלעס איז געוואַלדיג... איי, די אַנדערע זאַכן זענען נישט בשלימות, נו, נישט געפערליך".

ווידעראום איז דאָ מענטשן וואָס קוקן מער נעגאַטיוו אויף אַנדערע: "יענער איז דאך ממש אַ שלעכטער... יאָ, ער האָט מיך אַמאָל געטון אַ טובה, אָבער ער איז דאך אַזאַ בהמה..."

דאָס באַדייט אַז נישט יעדער האָט די נסיון אויף די זעלבע דרגא. ס'איז דאָ מענטשן וואָס פאר זיי איז שווערער צו לעבן מיט דעם מהלך פון דעם 'תומר דבורה'. אָבער ס'איז זיכער אַז דאָס איז אונזער עבודה און אונזער ענד - ציל, אַז מיר זאָלן אָנקומען צו אַזאַ פּלאַץ וואו מיר קענען זיך מתבונן זיין אין דאָס ביסל גוטס פון אַ צווייטן מענטש און נישט זען זיינע אַנדערע חלקים!

### לאָמיר ווערן מומחים אין טרעפן דאָס ביסעלע גוטס

ס'איז ידוע דאָס וואָרט וואָס הרה"ק בעל **דברי יחזקאל משינאָווא** זי"ע האָט געזאָגט: וואָס איז דער חילוק צווישן מיך מיט מיין ברודער, הרה"ק רבי **ברוך גאָרליצער** זי"ע ? איך האָב אַזוי שטאַרק ליב דעם אמת אַז ווען איך זעה אַ גאַנצן באַרג פון שקר וואָס עס באַהאַלט זיך דאָרט אַביסל אמת, וועל איך אויפזוכן די גאַנצע באַרג צו אָנקומען צו דער נקודת האמת. אָבער מיין ברודער, האָט אַזוי פיינט דעם שקר, אַז ווען ער זעט אַ גאַנצע באַרג פון אמת וואָס עס ליגט דאָרט באַהאַלטן אַ משהו שקר, שלאָגט ער כפּרות מיט דעם גאַנצן באַרג פון אמת, צוליב דאָס ביסל שקר וואָס געפינט זיך דאָרט...

ווען עס קומט צו דער סוגיא פון הכרת הטוב דאַרפן מיר אַלע ווערן מומחים צו **טרעפן דאָס ביסל טוב אין דעם גאַנצן באַרג...**

דער מענטש פרעגט: "אָבער יענער איז דאך ממש אָנגעפּולט מיט 'רע' ?!". דאָס איז נישט ריכטיג! רעדט נאָר מיט אים עטליכע מינוט וועסטו זען וויפיל גוטע זאַכן ער פאַרמאָגט! הייב אָן ווערן פאַרנומען בלויז מיט זיין גוטס!

### מיר האָבן שוין דעם נאַטור, דאָרט וואו מיר ווילן

דער אמת איז אַז מיר אַלע האָבן שוין די סאָרט 'תכונה' אין אונזער נפש, מיר דאַרפן דאָס בלויז אָנהויבן נוצן אויף דעם גוטן פּלאַץ. צום ביישפּיל, ווען אַ מענטש לייגט אַן אויג אויף אַ געוויסע שטעלע, אַ געוויסע שידוך אָדער אַ געוויסע דירה. **אויב עפּעס האָט אים געכאַפּט דאָרט און עס האָט ביי אים נושא חן געווען, טראַכט ער בלויז פון די מעלות דערפון און ער הערט ניטאַמאָל די חסרונות!**

מען זעט דאָס ממש בחוש, אַז ווען עס קומט אונטער די באַשערטע זאַך, דעמאָלט אפילו אויב מען זאָגט פאַר'ן מענטש קלאָר אַז ס'איז דאָ אַ פּראָבלעם דערמיט, וועט ער דאָס נישט הערן. אפילו ווען ער איז אַ קלוגער מענטש, ווייל אויב דאָס געפעלט אים זעט ער נישט בלויז דאָס גוטס און **ער זיך פּשוט 'מתעלם'** פון אַלע פּראָבלעמען.

### שנראה מעלת חברנו ולא חסרונו

דאָס זאָגט טאַקע דער הייליגער רבי ר' **אלימלך מליזענסק** זי"ע אין זיין 'תפלה קודם התפלה': "**אדרבה, תן בלבנו שנראה כל אחד מעלת חברנו ולא חסרונו**".

מען דאַרף אויף דעם בעטן, ווייל דאָס איז עבודת ה'! און דאָס איז אויך אַן עצה צו האָבן

> **ס'איז דאָ מענטשן וואָס פאָר זיי איז שווערער צו לעבן מיט דעם מהלך פון דעם 'תומר דבורה'. אָבער ס'איז זיכער אַז דאָס איז אונזער עבודה און אונזער ענד - ציל**

אַסאַך אַ געשמאַקערע עולם הזה ווען דער מענטש קוקט אַזוי אויף אַנדערע: "**יאָ, יאָ, איך ווייס זייער גוט אַז יענער האָט חסרונות, אָבער ער איז דאך אַזאַ גוטער מענטש...**"

די שאלה איז וויפיל פּלאַץ פאַרנעמט אין אונזער הארץ **יענעמ'ס מעלות** און וויפיל פּלאַץ פאַרנעמט אין האַרץ **יענעמ'ס חסרונות**. יעדער מענטש קען דאָס אויסאַרבעטן ביי זיך אין האַרץ!

### דער רב מעג האָבן אַ חסרון...

ס'איז דאָ אַזאַ טעות ביי מענטשן, אַז אויב יענער האָט אַ חסרון איז ער שוין אָפּגעפרעגט. אָבער באמת איז דאָס איז טאַקע אונזער אַרבעט, וואו מיר זאָלן פּלאַצירן יענעמ'ס חסרון און וואו מיר זאלן לייגן יענעמ'ס מעלות.

אַ גוטער ביישפּיל דערצו איז ווען אַ מענטש האָט אַ רב, צי זאָל עס זיין דער רב פון זיין ביהמ"ד, צי דער דיין פון זיין קהלה, א.א.וו. און ער האָט פּלוצים אויפגעפּאַסט אַז דער רב האָט אַ געוויסע חסרון.

דער מענטש איז יעצט איבערצייגט אַז ער האָט אַנטדעקט אַמעריקע... "ס'איז נישט ווי אַלע טראַכטן, עולם גולם, איך ווייס דאך דעם אמת... כ'האָב שוין געמיינט אַז ס'איז יאָ דאָ עפּעס אַן ערליכער איד אויף דער וועלט און דערווייל איז ער אויך 'כאחד האדם'"...

עס ליגט דאך אַזאַ טעות אין דעם! ווייל **דער רבוש"ע האָט דיך קיינמאָל נישט געזאָגט אַז ס'איז דאָ מענטשן וואָס האָבן נישט קיין שום חסרונות!** קיינער האָט דיך נישט פּרובירט צו איינרעדן אַז ס'איז דאָ מענטשן וואָס זענען ממש מושלמים! אויף דיר ליגט בלויז די אַרבעט, וואו צו מסדר זיין און אַריינלייגן יענעמ'ס מעלות אָדער חסרונות. - אַז דו וועסט אַריינלייגן יענעמ'ס חסרון פאָרנט פון דיין מחשבה, וועסטו לעבן אין אַזאַ וועלט. אָבער אויב וועסט אַריינלייגן יענעמ'ס מעלות אין דיין מחשבה, און דאָס וועסטו זען אַגאַנצע צייט, וועסטו האָבן אַ נייע לעבן פון גוטס!

להצטרף לקבלת השיעורים או החוברות באימייל ולשלוח הערות: ארה"ב. 718.387.1122 | א.י. 03.3096216 | Email. info@machonhavineini.com
קול הבינני: ארה"ב - 718.686.8300 | א"י. 072.257.7726 | בריטניה. 0204.586.2115 | בלגיה. 03.300.0223